STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02178

SEFER NIDAH, HALAH, HADLAKAT HA-NER

Eliy Mazah

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ספר

נדה

חלה

הדלקת הנר

אַ היילינער און וויכטיגער ספר וועלכער
באַהאַנדעלט אַלע דינים נויטיגע פון נדה, חלה,
והדלקת הנר — יעדער מוז דאָס האָבען
ביי זיך אין הויז — להשומעים יונעם ותעב"ט.

מאת הרב

ר' אליי מרדכי הכהן מזאה

ניו יאָרק, נ. י., שנת תרנ"ן לפ"ק.

נדה וטבילתה

נדה : ואל אשה בנדתה לא תקרב.

נדה הייסט יעדע פרוי ווען זי האט די צייט. און אנדערש ווערט זי ניט אויס נדה סיידען זי געהט אין א כשרה מקוה, ווי אלע ספרים הקדושים האבען אונז געשריבען. עס איז נאריש פון פילע פרויען וואס זיי געהען ניט ח״ו אין מקוה, ווייל דער איסור פון נדה איז זעהר גרויס, און דער שטראף פאר ניט געהן אין מקוה און זיין מיט׳ן מאן, איז זעהר שטארק, מען ווערט חו״ח מחוייב כרת, דאס הייסט ר״ל מען שטארבט חו״ח פאר דער צייט, דאס הייסט סכנת נפשות, איז דען שווער פאר דער פרוי אפצוהיטען דאס ? צו געהן אין מקוה און לעבען מיט׳ן מאן ווי אונזער הייליגע תורה האט געבאטען ? און ניט שטעלען אין געפאר איהר לעבען מיט׳ן מאנ׳ס לעבען, ווי אז מען וואלט איהר זאגען, הערצו, דעם מאכל וואס מען האט צוגעגרייט איז היינט אריינגעפאלען גיפט, זאלסטו דאס ניט עסען, וועט זי דאס עסען ? זי וועט דאך ניט וועלען שטעלען אין געפאר איהר לעבען, זי וויל דאך זיין א מוטער צו איהרע ליבע קינדער־לאך און זי וויל אויך אז זיי זאלען האבען א פאטער, און זי וועט געוויס ניט עסען אפילו אז ביי איהר וועט זיין א גרויסער ספק צו דער מענש איז ריכטיג, אבער מורא האבענדיג טאמער איז דאס ריכטיג, מעג זי הונגערען זעהר שטארק, וועט זי ניט וואגען צו עסען, היינט אז די הייליגע תורה האט אונז אנגעזאגט מיט׳ן שטרענגען ווארט אז צו א נדה זאלסטו ניט וואגען צו טרעטען ווייל עס איז לעבען געפעהרליך, דארפען מיר אודאי מורא האבען צו זיין מיט דער פרוי ווען זי איז א נדה, ניט איינשטעלען מיט׳ן לעבען. און א נדה האבען אונזערע גרויסע הייליגע חכמים געזאגט הייסט זי ווי עס פאנגט זיך אן באווייזען די צייט ווערט זי א נדה. כל זמן זי געהט ניט אין א כשרה מקוה, זי מעג זיך וואשען מיט אלע וואסערען פון גאר דער וועלט, הייסט זי

אַלץ אַ נדה כל זמן זי איז נים געווען אין אַ מקוה. זאָלען ניט האָבען קיין טעות די ווייבער, זאָגענדיג אַז אַזוי וואַסער איז קלינער. דאָ האנדעלט זיך וועגען אַ מעדיצין. דער רבונו של עולם האָט אונז אָנגעזאָגט אַז ער גיט אונז די תורה אַלס מעדיצין — „כי אני ד' רופאך" — איך בין גאָט דיין דאָקטאָר. דעם דאָקטאָר פאָלגט מען אימער ווי דער דאָקטאָר האָט פארשריבען, און דער וואָס פאָלגט ניט דעם דאָקטאָר ווי ער האָט פארשריבען איז דאָך יענער קראַנקער אַ פארלאָרענער חו"ח, איז מוזען מיר נעהמען די מצות ווי מען האָט אונז אָנגעזאָגט, און טאָמער נעהמט מען ניט ווי דער בורא יתברך האָט אונז געהייסען, איז דאָס לעבענס געפאַר ! פרויען נדות מוזען געהן אין כשרה מקואות, קיינע וואַסערען קענען אייך ניט ריין מאַכען, נאָר אַ כשרה מקוה.

אין וואָס באַשטעהט די שווערקייט ! די מצוה איז גאַנץ לייכט ווען מען וויל איהר מקיים זיין באמת און זאָגאָר ווען עס קומט אָן גאַנץ שווער — אויף יעדע מצוה וואָס גאָט ב"ה האָט אונז פארזאָגט מוזען מיר זיך מוסר נפש זיין. אַז אַ קעניג וואָלט אונז הייסען עפּעס טאָהן, כאָטש דאָס וואָלט געווען פון דעם קעניגס טובה וועגען, אָבער ווי באַלד דער קעניג האָט געהייסען טאָהן און ער האָט אונז איבער געגעבען צו טאָהן, ווי שווער דאָס וואָלט פאַר אונז געווען דאָס צו ערפילען, וואָלט דאָס ניט געווען קיין פארענט-פערונג פאַר אונז און מיר וואָלטען דאָס בשמחה ערפילט, היינט אַז דער מלך מלכי המלכים האָט אונז פארזאָגט מיר זאָלען די מצוות אָפּהיטען, און יעדער מצוה איז דער גרעסטער גליק פאַר דעם מענשען, אודאי געווים אַז ווי שווער דאָס זאָל אונז ניט אָנקומען, דאַרף ער געווים טאָהן און לאחר מאה שנה וועט זיין די הנאה פון יעדען וואָס האָט געטאָהן אַ מצוה זעהר גרוים, מיר וועלען זעהן און פאַר-שטעהן אַז דער בורא עולם האָט געמיינט אונזער טובה, ווייל מען וועט זעהן מיט גייסטיגע אויגען וועט דאַן יעדע פרוי וואָס זי איז געגאַנגען אין מקוה, שטאַרק הנאה טאָהן

און דער שכר וועט זיין זעהר גרויס. אויסער דעם דאַרפען וויסען די אַלע פרויען אַז דער קינד פון דער פרוי וואָס געהט אין מקוה איז פעהיגער און אָרענטליכער און געזונטער פון דעם קינד וואָס די מוטער געהט ניט אין מקוה. דער רבוש"ע גיט נחת פון דעם קינד און ער בענשט דעם קינד מיט לאַנגע יאָהרען. היט די מצוה פון מקוה וועט אייך גאָט בענשען מיט געזונטע, לאַנג-יעהריגע קינדער, איידעלע און אָרענטליכע, זיי וועלען זיין כשרה און איהר וועט ניט פאַרשפרייטען קיין שלעכטע קינדער צווישען דעם אידישען פאָלק וואָס דערפון ליידען חו"ח דער גאַנצער אידישער פאָלק און די וועלכע היטען ניט אָפּ די מצוה פון מקוה און זי זיינען מיט'ן מאַן חו"ח איידער זי איז געוועזן אין מקוה, ברייגנט זי אַן עברה חו"ח אויף זיך און אויף דעם מאַן און זי קען זיך חו"ח קיין מאָהל ניט אויסלייטערען. די קנדער זיינען חו"ח שלעכטע, פאַרדאָרבענע, זיי האָבען קיין רעס־פעקט פאַר דעם פאָטער און מוטער און מאַנכע מאָהל פאַסירט זאָגאַר אַז זיי ווערען עלטער, שלאָגען זיי חו"ח די עלטערען, ווייל זיי זיינען געבאָרען געוואָרען אין אומריינע אָסור'דיגע צוזאַמען זיין וואָס דאָס מאַכט קאַליע דעם קינד'ס פעהיגקייטען און עס פאַרדאָרבט זיין כאַראַקטער. היט זיך, פרויען פון זעלכע עבירות. שעהמט זיך ניט צו ריידען וועגען דער מצוה אין די עפענטליכקייט. גרינדעט סאָ־סייעטיס און פאַראיינען פון פרויען וואָס היטען די מצוה. אַגיטירט פאַר דער מצוה און רעדט צו די פרויען פון דער מצוה. אייער שכר דערפאַר איז זעהר גרויס. איהר וועט זוכה זיין צו גוטע קינדער מיט פיל נחת.

צוליב דער מצוה איבערהויפּט דרוק איך מיין ספר „הצלת נפשות", ווייל פילע פאַרשטעהען ניט די וויכטיג־קייט פון דער מצוה און פיל גליק מיט נחת דאָס פאַרשאַפט די עלטערען און די קינדער. און אויך האָב איך געזעהן דאָס פילע פרויען ווייסען ניט אַפילו ווען ווערט זי א נדה און ווען זי קען געהן אין מקוה און ווען זי קען זיין מיט'ן מאַן און ווען ניט און ווי זי זאָל זיך אויפפיהרען די צייט

ביז זי געהט אין מקוה. דערפאַר האָבען מיר געדרוקט נאָך אַ ספר מיט דעם נאָמען „שמירת הנפשות", און אַ ספר „ברכת הנפשות" וועלכע בעזהש"י מאַכען באַקאַנט די אַלע דינים פון נדה, די זעהר נויטיגע, כדי מען זאָל זיך קענען איינהיטען פון עברות. אויך האָבען מיר דאָרטען געדרוקט בעזהש"י אַנדערע נויטיגע דינים וועלכע ווערען פאַרנאַכלעסיגט ווייל מען ווייס ניט אַלע פון זיי, דאָס אַלעס אין זשאַרגאָן, כדי מיר זאָלען אַלעמען בעזהש"י מזכה זיין מיט קענען מקיים זיין די מצוות כדת וכדין.

לערענט דעם ספר און שיקט גלייך נאכ'ן צווייטען און דריטען וואָס זיינען גלייך אַרוים נאָך דעם ערשטען און וואָס זיינען נאָך נויטיגער צו האָבען, אום צו האָבען מזל און ברכה אין הויז. פאַרשפּרייט די ספרים צווישען אַלעמען. זאָלען אַלע לערנען די ספרים וועלכע זיינען בעזהש"י פאַרשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט.

אויך מוז מען אָנזאָגען די אַלע פרויען אַז זיי זאָלען זיך ניט שעהמען און זאָלען אַרויפגעהן צו אַ רב מובהק וועלכער קען ענטפערען אַ שאלה און זעהן צו וויסען זיי ריכטיג. ווען די צייט וואָס זי מעג געהן אין מקוה. מאַנכע פרויען מיינען אַז זיי וויסען אַלעס און זיי געהען באמת פאַר דער צייט אין מקוה און ווען מען געהט פאַר דער צייט איז אַלץ איינם ווי מען איז גאָר ניט געגאַנגען. דערפאַר מוזען זיי אַריינגעהן צו אַ רב און פרעגען און וויסען ווי צו טאָהן, מען דאַרף אויך פרעגען ביי דעם רב ווי מען דאַרף זיך אויפפיהרען די צייט ביז זי וועט געהן אין מקוה. עס וואָלט געוועזן זעהר גלייך אַז די פרויען וואָס אַטענדען די מקואות זאָלען אויך וויסען ריכטיג די נויטיגע דינים אום זיי זאָלען קענען זאָגען די פרויען וועגען דער צייט פון געהן אין מקוה און ווי צו מאַכען טבילה. שעהמט זיך ניט, פרויען צו געהן פרעגען, אַז ניט זאָלען געהן פאַר אייך עלטערע פרויען פרעגען, אָבער פאַרלאָזט זיך ניט אויף די עלטערע פרויען דאָס זיי זאָלען אייך זאָגען ניט געפרעגטערהייד, ווייל פילע פון זיי וויסען אַליין אויך ניט. אויך אייערע טעכטער

ווען זיי געהען חתונה האָבען, פאַרגעסט ניט און טוהט ווי אין די אַמאָליגע צייטען און זאָגט איהר פאַראַנדער אַלע דינים, זי זאָל וויסען די פליכטען פון אַ פרוי צו איהר מאַן און איהרע קינדער. .

איך פאַרהאָף צו גאָט דאָס ער וועט העלפען, דער ספר וועט פאַרשפרייט ווערען ברבים און פילע ווערען געהאָלפען ווערען בגשמיות און ברוחניות, ווייל אַז די רוחניות וועט זיין בעסערע, וועט גאָט געבען אַז די גשמיות וועט זיין בעסערע און מיר וועלען מזכה זיין אַז די דורות וועלען זיין כשרה וועלען מיר זוכה זיין צו אַ גאולה שלמה, אָמן.

הכותב, דער וואָס שרייבט לכבוד די וועלכע ווילען וויסען אונזערע פליכטען און זיי ווייסען אַז אונזער גליק באַשטעהט אין דעם און זיי וועלען דינען אונזער גאָט באמת, אָמן.

וועגען די דינים פון נדה איז דאָ פיל צו שרייבען, און עס איז צו שווער און צו פיל פאַר אַ פרוי דאָס צו וויסען. איך האָב ניט מעהר ווי איבערגעשריבען וואָרט און וואָרט וואָס דער הייליגער גרויסער גאון און צדיק, דרע באַוואוסטער ר׳ ישראל מאיר הכהן זצ״ל, דער מחבר פון ספר „חפץ חיים״, האָט געשריבען אין זיין הייליגען ספר „גדר עולם״, און אין זיין הייליגען ספר „נדחי ישראל״. איין זאַך שרייב איך בשם הרא״ש זצ״ל. נאָר די הויפט זאַך איז אַז נאכדעם ווי זי וועט דאָס איינ׳חזר׳ען און זי וועט דאָס וויסען אויסווענ‏יג זאָל זי אַלץ וואָס ביי איהר וועט פאַסירען ניט שעהמען זיך און פרעגען ביי דעם רב וואָס וויים אַ דין, דאַן וועט זיין אַלעם גוט אַלע מאָהל.

הרב ר׳ אלי׳ מרדכי הכהן מוזאה

דאָס האָב איך גענומען פון דעם ספר גדר עולם

אַזוי ווי עס איז באַוואוסט אויף דער וועלט די ביטערע צרות נעבעך, ווי מיר זעהען נעבעך אוים אין אַלע היגזיכטען, איז זיך גוט אַרומקוקען, נישט נאָר פאַר זיך אַליין, נאָר אויך פאַר אַנדערע, צו זעהן מיט אַלע מעגליכקייט צו פאַרהיטען אויף די גרויסע פערכטליכע זינד וואָס פיל מענשען ווערען נעבעך מיט זיי געשטרויכעלט. און אַזוי ווי עס איז באַוואוסט דאָס (נשים צדקניות), אידישע קינדער זיינען ב"ה גוט און פרום, און ווילען נישט חלילה קיין שלעכטס טאָהן, פון דעסטוועגען ווערען פיל געשטרויכעלט אין דער שווערער זינד איסור נידה (איסור כרת ר"ל), דערפאַר וואָס זיי האָבען נישט געלערענט די דינים פון הלכות נדה, און אַנדערע ווייל זיי האָבען נעבעך נישט קיינע עלטערן וואָס זאָלען זיי לערנען, דערפאַר איז ביי זיי די זאַכען גרינג, זיי וויסען נישט אַז ווען מען געהט אַראָפּ די מינדסטע האָר און מען טהוט נישט ווי מ׳ען דאַרף צו טאָהן, איז מען ווייטער איין רעכטע נדה (בחיוב כרת ר"ל), וואָס דורך דעם קומען אַרויס אַלע ביטערע צרות. אידישע קינדער, דערבאַרעמט אייך און געדענקט אין איין גאָט אין הימעל און האָט רחמנות אויף אייערע אייגענע קינדער, ווייל נישט גענוג וואָס עס איז אַ גרויסע שווערע זינד (כרת ר"ל), ווערען נאָך די קינדער (בני נידות) וואָס זיי ווערען געבאָרען כמעט אַזוי ווי ממזרים ר"ל. אויך דערבאַרעמט אייך אויף אייערע יונגע יאָהרען, וואָרים די הייליגע משנה שרייבט, אַז דאָס וואָס געווינערינס געהען ר"ל אַוועק פון דער וועלט אין דער קימפעט; איז עס ווייל זיי זיינען ניט אָפּגעהיט אין הלכות נדה, און אפילו די יעניגע וואָס מ׳ען לאָזט לעבען, דאַרפען זיי וויסען אַז עס איז אַנגעגרייט גרוים שטראָף און שרעקליכע יסורים אויף יענער וועלט פאַר דיזער שרעקליכער עבירה, און מען וועט דאַרפען אָפּגעבען דין און חשבון פאַר יעדער מאָהל. דאַרום האָבען מיר איבער אַנייעם געדרוקט די אַזהרה מיט די נויטיגע דינים פון הלכות נדה פון הייליגען נאַשענצקער צדיק, הגאון

הקדוש ר׳ שלמה זלמן זצלה״ה, אב״ד דק״ק ווארשא, אַז יעדער פרוי זאָל זיך נעהמען צייט צו לייענען און דערפון נישט אָפּטרעטען דאָס גרינגסטע זאַך, און ווער עס קען נישט לייענען, זאָל בעטען אַן אַנדער פרוי זי זאָל איהר גוט ערקלערען, און למה״ש נישט זיך צו שעמען, זי זאָל זיך פאָרשטעלען אַז זי דאַרף האָבען אַ טובה וואָס איהר איז נוגע אין לעבען, וואָלט זי זיך געווים נישט געשעמט, בפרט דאָס איז נוגע אין דער וועלט און יענער וועלט און דאָס לעבען פון אייערע קינדער, דאַרף זי זיך געוויס נישט שעמען. אויך איז יעדער מאַן מחויב צו זעהן אַז זיין ווייב זאָל זיין גוט קלאָר אין די דינים. עס אי רעכט אַז קיין אידישע טאָכטער זאָל ניט געהן אונטער דער חופה, בעפאָר איהרע עלטערן אָדער איהר אַ פריינדין, זאָלען איהר אויסלערנען די הויפּט דינים פון נדה וואָס זי דאַרף וויסען. בזכות זה וועלען זיי געבעשט ווערען ממעיין הברכות און וועלען זוכה זיין צו האָבען קינדער תלמידי חכמים און צו אריכת ימים.

הלכות נדה

א.

יעדער פרוי איז זיך מחויב אָפּצושיידען פון איהר מאַן ווען עס קומט אויס איהר ווסת, דאָס מיינט, ווען זי איז געוואָהנט צו זעהן, אַפילו אז זי האָט נאָך ניט געזעהן. אויב זי האָט נישט קיין געזעצטע צייט, מוז זי פרעגען אַ שאַלה ביי אַ מורה הוראה, ווי זי זאָל זיך נוהג זיין מיט דעם אָפּשיידען.

ב.

יעדער פרוי וואָס דאַרף פרעגען אַ שאַלה, טאָר זי נישט פרעגען ביי קיין אַנדער פרוי, נאָר ביי אַ מורה הוראה, און למ"ה קיין פרוי זאָל זיך נישט דערוועגען צו פסק'נען.

ג.

יעדער פרוי ווען זי האָט געשפּירט אַז איהר מיטער אָדער געבירט האָט זיך געעפענט, אָדער זי שפּירט אַז עס איז עפּעס אָפּגעגאַנגען פון איהר, מוז זי באַלד זיך גוט בודק זיין מיט אַ ריין טיכעל, און ווען זי געפינט אַ נאַסקייט און עס איז גאַנץ קלאָר, איז זי טהור, אָבער ווען עס איז נישט קלאָר, אָדער אַפילו זי געפינט גאָרנישט, מוז זי מאַכען אַ שאַלה. דאָס זעלבע אַז זי האָט זיך נישט באַלד בודק געווען, מוז זי אויך מאַכען אַ שאַלה.

ד.

ווען זי איז טמא, סיי פון דם אָדער פון אַ פלעק, איז ביז נאָך דער טבילה מוז זי זיין דערווייטערט פון איהר מאַן. זיי זאָלען זיך נישט אָנריהרען איינער דעם אַנדערען. ער טאָר נישט שלאָפען ביי איהר אויפ'ן בעט אַפילו ווען זי איז ניטאָ און בפרט נאָך ווען זי איז דאָ, טאָרען זיי בודאי ניט זיין אין איין בעט, אַפילו אַז זיי זיינען ביידע אָנגעטאָהן. די עבירה פון דעם איז זעהר גרוים און עס איז דאָ דערפאַר אַ שרעק-

ליבער עונש. עס ווערט געבראַכט אין די ספרים הקדושים, אַז דאָס איז גלייך ווי מען וואַלגערט זיך אין אַ בית הכסא. אויך דאַרף מען זיך היטען אין דער צייט וואָס זי איז אַ נדה, ניט צו דערלאַנגען אָדער וואַרפען קיין שום זאַך איינער עם אַנדערען. זיי זאָלען זיין געהיט אַז ער זאָל ניט זעהן איהר פאַרבאָרגען לייב. זיי אָלען נישט לאַכען צוזאַמען און ניט עסען צוזאַמען פון איין כלי. ער טאָר נישט עסען אָדער טרינקען פון דער כלי וואָס זי לאָזט איבער, נאָר אַז מען האָט איבערגעגאָסען אין אַן אַנדער כלי מעג ער שוין עסען אָדער טרינקען. עס איז נישט קיין חילוק (אונטער־שייד) סיי די טעג וואָס זי זעהט דם און סיי די טעג וואָס זי צעהלט שוין די ריינע טעג ביז זי געהט טבילה, איז זי נאָך אַ רעכטע נדה קעגען אַלע זאַכען. למה״ש נישט צו פאַר־גרינגערען זיך, נאָר שטאַרק אָפּגעהיט צו זיין אין די אַלע דינים, וואָרים דאָס זיינען גרויסע עבירות, זיי זאָלען ח״ו זייערע יאָהרען ניט פאַרזינדיגען.

ה.

דינים פון אָפּציהען

יעדע פרוי וואָס איז טמא געוואָרען פון דם (ד״ה צייט) אָדער פון אַ פלעק, קאָן זי מאַכען דעם אָפּצוג אין 5טען טאָג, אויב עס האָט שוין אויפגעהערט צו געהן פון איהר דם, היינו אויב זי איז טמא געוואָרען זונטאג, קאָן זי מאַכען דעם אָפּצוג דאָנערשטאג. למעה״ש ולמעה״ש, גוט געהיט צו זיין אַז דער אָפּצוג זאָל זיין ריכטיג כדין ווי ווייטער וועט שטעהן.

ו

דער אָפּצוג דאַרף זיין איידער די זון געהט אונטער, דאָס איז אַן ערך איין שעה פאַרנאַכט, און אויב עס איז געווען וויניגער ווי איין שעה פאַרנאַכט דאַרף זי פרעגען אַ שאלה (וואָס אין ספר מעין טהור שטעהט געשריבען אַז נאָך בין השמשות, איז דאָס אַ גרייז פון דרוק).

ז

דער אָפּצוג דאַרף זיין אַזוי: זי דאַרף זיך גוט אַרום וואַשען דאָס אָרט און אַרום דעם אָרט און אָנטאָהן אַ קלאָר העמד, לייגען אַ קלאָר ליילעך און נעהמען אַ גאַנץ ריין טיכעל פון לייווינט אָדער פון באַנוויל, נישט קיין ניי טיכעל און נישט קיין שמאַטעס, נאָר אַן אַלט טיכעל, עס באַקוקען אויבעס איז גוט ריין און ווייס, און מיט דער טיכעל מאַכען די בדיקה, היינו, זי זאָל דאָס טיכעל אַריינברענגען אין דעם אָרט מיט דעם פינגער גאַנץ טיף, אַזוי ווייט ווי זי שפּירט ווען זי איז צוזאַמען מיט איהר מאַן און זאָל זיך גוט בודק זיין אין אַלע זייטען, אין אַלע ווינקלען. ווען עס איז איהר שווער אַריין צוברענגען אַזוי ווי דאַ שטעהט, איז צום ווייניגסטענס מוז זי זעהן מיט אַלע קרעפטען אריין צו ברענגען אַזוי טיף ווי עס איז נאָר מעגליך און בודק זיין אין אַלע זייטען און אַלע ווינקלען. די פרוי וואָס טהוט נישט אַזוי, נאָר ברענגט אַריין אַ ביסעל און ווישט זיך אָפּ, איז דער אָפּצוג גאָרנישט גערעכענט, און עס העלפט גאָרנישט איהר טבילה און זי איז ווייטער אַ נדה (בחיוב כרת ר"ל).

ח

עס איז גלייך זיך נוהג צו זיין אַז נאָך דעם אָפּצוג זאָל זי אַריינברענגען דאָס טיכעל גאַנץ טיף און ענג און עס זאָל דאָרטען ליגען ביז נאַכט, און דערנאָך זעהן אויב עס איז גאַנץ ריין.

ט

פון מאָרגען נאָך דעם אָפּצוג זאָל זי אָנהויבען צעהלען די זיבען ריינע טעג. זי איז מחויב זיך בודק זיין צוויי מאָהל יעדען טאָג, אין דער פריה און פאַרנאַכט, אַלע זיבען טעג, גאַנץ טיף מיט אַ ריין טיכעל, נאָר ווען עס איז איהר שווער אַזוי טיף בודק צו זיין ווי עס דאַרף צו זיין, איז למענ"ה צום ווייניגסטענס איין מאָהל אין די זיבען ריינע טעג (דערהויפּט אין דעם ערשטען טאָג) מוז זי מאַכען אַ בדיקה אַזוי ווי די בדיקה פון אָפּצוג, און אין די רעשטע

טעג געוועהנליכע בדיקות. נאָר יעדע פרומע פרוי זאָל זיך נישט גרינג מאַכען און זאָל אַלע טאָג גוט בודק זיין. אָבער ווען זי האָט קיין איין מאָהל פון די זיבען טעג אויך נישט בודק געווען גאַנץ טיף ווי עס געהער צו זיין, נאָר אַ ביסעל אריינגעבראַכט און אָפּגעווישט, איז איהרע זיבען ריינע טעג נישט גערעכענט און זי איז ווייטער אַ רעכטע נדה.

י

אַלע בדיקות דאַרפען זיין ביי די ליכטיגקייט פון טאָג, נישט ביי קיין ליכט און נישט ביי קיין לאָמפּ.

יא

די זיבען ריינע טעג דאַרפען זיין דורכאַנאַנד, זי זאָל אין די טעג גאָרנישט געפינען קיין דם און קיין שום פלעק. אויב זי האָט געפונען דם אָדער אַ פלעק אין מיטען די זיבען ריינע טעג וואָס זי איז טמא געוואָרען, מוז זי אויף ס'ניי צעהלען זיבען ריינע טעג און מאַכען אַ נייעם אָפּצוג ריכטיג ווי אויבען איז געשריבען. נאָר זי דאַרף נישט וואַרטען פינף טעג אויף דעם אָפּצוג, נאָר ווען זי ווערט ריין, קאָן זי פאַרנאַכט מאַכען דעם אָפּצוג און פון מאָרגען אָן אָנהויבען צעהלען זיבען ריינע טעג.

יב

טייל ווייבער וואָס ווייסען ניט אַז זיי דאַרפען מאַכען דעם אָפּצוג, זיינען זיך נישט בודק פאַרנאַכט, נאָר זיי זאָגען אַז זיי האָבען אין זינען און ביינאַכט מאַכען זיי די בדיקה, זאָלען זיי וויסען אַז זיי זיינען רעכטע נידות. עס איז אַ מצוה דאָס מפרסם צו זיין.

יג

אַ כלה פאַר דער חתונה מוז צעהלען זיבען ריינע טעג פאַר דער טבילה. דער אָפּצוג און די בדיקות פון די זיבען ריינע טעג, איז גלייך ווי ביי אַן אַנדער פרוי. זי טאָר זיך גאָרנישט פאַרגרינגערען ח"ו אויף קיין שום פאַל די מינדסטע האָר.

יד

זי זאָל ערשט אָנהויבען צעהלען די זיבען ריינע טעג נאָהענט פון דער חתונה, ווען זי ווייסט שוין קלאָר און זיכער ווען די חתונה וועט זיין.

טו

ווען אין מיטען די זיבען ריינע טעג, האָט זיך געמאַכט אַן עיכוב אז די חתונה וועט נישט קאָנען זיין אין דעם טאָג וואָס מען האָט פריער באַשטימט, דאַרף מען פרעגען אַ שאלה אויב זי דאַרף איבער אַ נייעס צעהלען זיבען ריינע טעג. עס איז אַ גרויסע מצוה דאָס באַקאַנט צו מאַכען, ווייל פיל מענשען ווייסען נישט, דאַרום דאַרף מען פרעגען אַ שאלה, זיי מיינען אַז זי האָט נאָר געצעהלט זיבען ריינע טעג איז שוין גענוג.

חתן כלה מוז ער נאָך דער ערשטער ביאה אָפשיידען און אַוועקגעהן, און דאָס איז אַ מצוה רבה מודיע צו זיין דעם חתן וכלה, ווייל פילע ווייסען דאָס ניט און זיינען בועל מעהר מאָהל, וואָס דאָס איז אַ גרויסער איסור, און די עלטערען מיט די אונטערפיהרער מוזען דאָס זאָגען דעם חתן מיט דער כלה — ולהשומעים יונעם ותעב"ט.
מעין טהור

דינים פון די טבילה

טז

דעם טאָג וואָס זי דאַרף געהן טבילה, זאָל זי דעם גאַנצען טאָג קיין פלייש ניט עסען. ווען אָבער די טבילה קומט אוים מוצאי שבת (שבת צונאַכט) מעג זי עסען פלייש, נאָר זי זאָל זיך גוט אויסרייניגען צווישען די ציין פאַר דער טבילה, וואָרים אַז עס איז דאָ עפּעס צווישען די ציין אָדער אויף די ציין, איז די טבילה נישט קיין טבילה. אויך זאָל זי דעם גאַנצען טאָג נישט קנעטען קיין טייג און נישט אָנריהרען קיין קלעפּעדיגע זאַך. ווען זי דאַרף עס טאָהן

לכבוד שבת, מעג זי עס טאָהן, נאָר זי זאָל זיך דערנאָך באַלד גוט אָפּוואַשען.

יז

זי זאָל געהן באַצייטענס פאַרנאַכט אין מקוה, כדי זי זאָל קענען באָדען זיך, צוואָגען און אַלעס וואָס מען דאַרף טאָהן פאַרנאַכט און עס זאָל דויערען ביז אין דער נאַכט אַריין. ווען עס איז איהר אָבער נישט מעגליך אַלעס צו טאָהן פאַרנאַכט, מעג זי טאָהן ביינאַכט, נאָר זי זאָל זיך נישט איילען נאָר געלאַסען. למענ"ה די טיקערין זאָל נישט יאָגען די ווייבער ביי דעם באָדען זיך, כדי זיי זאָלען אַלעס קאָנען טאָהן כדין. די טיקערין וואָס יאָגט אָן די ווייבער, פאַר־זינדיגט זיך איהרע יאָהרען, און זי טאָר נישט זיין קיין טיקערין.

יח

זי זאָל זעהן זיך גוט אַרומוואַשען דעם גאַנצען גוף און אַלע פאַרבאָרגענע ערטער ריין צו מאַכען, עס זאָל אויף איהר גאָרנישט קלעפּען. די האָר גוט צו קעמען און אויסצוואָגען, דאָס אַלעס זאָל זיין מיט ווארעם וואַסער. נאָך דעם באָדען זאָל זי זיך גוט אַרומזעהן דעם גאַנצען גוף אויב עס קלעפּט נישט עפּעס אויף דעם גוף און אויב ער איז אין גאַנצען ריין. די ערטער וואָס זי קאָן נישט דערזעהן מיט'ן אויג, זאָל זי אַרומטאַפּען מיט די הענט אויב עס איז גאָר ריין. אויך ווען זי געהט אַראָפּ אין מקוה און די פיס ווערען איינ־געטראָטען אין בלאָטע, זאָל זי פאַר דער טבילה עס גוט אָפּוואַשען אין מקוה די פיס און צווישען די פינגער און אַרומקוקען אויב עס איז אין גאַנצען ריין.

יט

די טיקערין דאַרף שטאַרק אַכטונג געבען בשעת טבילה אַז עס זאָל נישט אַרויסשטאַרען קיין שום חלק פון גאַנצען גוף פון וואַסער. ווארים אַז עס האָט אַרויסגעשטאַרט פון וואַסער אַפילו איין ברעג פון איין האָר, איז די טבילה גאָר נישט קיין טבילה און זי איז ווייטער אַ רעכטע נדה. דערפאַר

איז אַ גוטער מנהג אַז ווייבער זאָלען נישט געהן קיין לאַנגע האָר, כדי זיי זאָלען ניט קומען צו קיין מכשול אין טבילה.

כ

זי זאָל זיך נישט טובל זיין שטעהענדיג, אויך נישט שטאַרק איינגעבויגען, דען עס איז דאָ ערטער אין גוף וואָס ווערען פאַרבאָרגען דורך דעם און די וואַסער קומט נישט אויף זיי, דעריבער דאַרף זי זיך טובל זיין אַ ביסעל איינ־געבויגען, אַזוי ווי זי וואַלגערט טייג. די הענט זאָל זי נישט האַלטען צוגעמאַכט, די פיס זאָל זי נישט האַלטען צוזאַמען, וואָרים אַז זי האָט די הענט געהאַלטען צוגעמאַכט, אָדער די פיס צוזאַמען, קאָן די וואַסער איהר נישט אין גאַנצען אַרומנעהמען, איז די טבילה קיין טבילה נישט. דעם מויל דאַרף זי נישט האַלטען אָפען אַז עס זאָל אַריינגעהן וואַסער אין מויל, אויך זאָל זי נישט האַלטען די ליפען שטאַרק צוגעמאַכט, נאָר זאָל זיי האַלטען ווי געוועהנליך. דאָס זעלבע מיט די אויגען, זאָל זי נישט שטאַרק עפענען און אויך נישט שטאַרק צוגעמאַכט, נאָר אַ ביסעל צוגעמאַכט. זי מוז זיין צוגעוואוינט צו דעם אַלעם, וואָרים אַז זי איז נישט צוגעוואוינט צו דאָס אַלעם, איז די טבילה נישט גערעכענט פאַר קיין טבילה. דערפאַר זאָל זי די טבילה נישט מאַכען איילענדיג, נאָר מיט ישוב הדעת. זי זאָל אין זינען האָבען אַלעם וואָס מען דאַרף טאָהן און אַלעם וואָס זי דאַרף געוואוינט זיין.

כא

אַז די טבילה קומט אויס פרייטאג צו נאַכט, זאָל זי געהן אין באָד גאַנץ פריה בייטאָג, אום וויינינגסטענס אַ שעה פאַר ליכט צינדען, כדי זי זאָל אַלעם קאָנען פאַרטיג מאַכען פאַרנאַכט, זי זאָל נישט קומען צו חילול שבת ח"ו און זאָל געהן אַהיים ליכט צינדען אין דער צייט און דערנאָך זאָל זי געהן צום בית הטבילה. ווען עס איז שוין שפעט, דאַרף זי הייסען איידער זי געהט אַוועק, דעם מאַן ליכט צינדען, כדי זי זאָל זיך ניט דאַרפען איילען אַהיים געהן ליכט צינדען, וואָרים דורך דעם קאָן זי ניט טאָהן אַלעם וואָס מען דאַרף.

גלייך ווי זי קומט אַהיים, איז דאָס ערשטע זאָל זי די נעגעל אָפּשניידען און אויסקעמען זיך די האָר בעפאָר די זון פאַר־געהט, ווייל אַז עס ווערט שבת, טאָר מען דאָס ניט טאָהן, ווען זי דאַך ניט קאָנען געהן טבילה טאָהן. אויב זי האָט פאַרגעסען אָפּצושניידען די נעגעל און דערווייל איז גע־וואָרען שפּעט, דאַרף זי פרעגען אַ שאלה. מען איז מזהיר און מען וואָרענט זעהר שטאַרק, אַז די פרוי וואָס שניידט די נעגעל נאָך דער צייט פון ליכט צינדען, איז זי מחלל שבת, וואָס עס קומט דערפאַר מיתה ח"ו. דאָס וואָס אַ טהייל ווייבער זאָגען אַז וועגען די מצוה פון טבילה מעג מען שניידען די נעגעל, קעמען און צוואָגען זיך נאָך די צייט פון ליכט צינדען, זיינען מיר מודיע אַז זיי זיינען אין דעם גענאַרט. עס איז קיין שום זאַך ניט מותר צוליב די טבילה, און למענ"ה ח"ו זיך ניט מתיר צו זיין, זיי זאָלען זיך ניט פאַרזינדיגען די יאָהרען.

כב

עס איז דאָ נאָך פיל דינים פון נדה וואָס איז געשריבען אין ספר מעין טהור און אַנדערע הייליגע ספרים, וואָס יעדער פרוי איז זיי מחויב צו לערנען, און נישט אַזוי ווי אַ טהייל זאָגען אַז די דינים פון ספר מעין טהור איז נאָר פאַר פרומע ווייבער, עס איז נישט אַזוי, נאָר די אַלע דינים פון ספר מעין טהור איז פאַר יעדער פרוי. מען טאָר נישט אָפּטרעטען די מינדסטע האָר פון די אַלע דינים, סיידען מיט שאלה פון אַ מורה הוראה. מיר האָבען דאָ נאָר געשריבען די הויפּט דינים וואָס זיינען געוועהנליך, וועלכע מען דאַרף גוט לערנען און גוט קלאָר זיין. ליידער זיינען פאַראַן פיל פרויען וואָס קאָנען נישט לייענען, דארום זיינען זיי ח"ו נכשל (געשטרויכעלט) אין פיל זאַכען און זיי זיינען ח"ו רעכטע נידות. דערפאַר בעט מען זעהר און זעהר, אַז די וואָס קאָנען לייענען זאָלען זעהן רחמנות האָבען אויף זייערע יאָהרען און זיי לערנען און קלאָר מאַכען אין די נויטיגע דינים. אין דעם זכות וועט זיי זיין גוט און וואויל אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט, אָמן.

איך בעט און איך בין מזהיר בשם הספרים הקדושים, אַז מען זאָל בילדען מקוואות אומעדום וואו אידען געפינען זיך, און די בעדער פון די מקוואות זאָלען באַקאַנט מאַכען דעם פובליקום וואו די מקוואות געפינען זיך און אויך וועגען און די בעדער פון די מקוואות זאָלען באַקאַנט מאַכען דעם זייער כשרות, און דער שכר פון די מתעסקים איז זעהר גרוים.

עס איז דאָ נאָך פיל דינים פון הלכות נדה וואָס מען האָט געקענט שרייבען; וועגען די דינים פון נדה איז דאָ פיל צו שרייבען, און עס וואָלט געווען פאַר אַ פרוי דאָס צו־פיל צו לערנען, האָב איך נאָר איבערגעשריבען וואָרט ביי וואָרט די דינים פון נדה פון דעם הייליגען גרויסען גאון וצדיק, דער באַוואוסטער ר׳ ישראל מאיר הכהן זצ״ל, דער מחבר פון ספר חפץ חיים, וואָס ער האָט געשריבען אין זיין ספר גדר עולם און אין זיין ספר נדחי ישראל און אין ספר טהרת ישראל. און איין זאַך מוז איך צוגעבען צו זיינע, וואָס אַלע הייליגע ספרים שרייבען וועגען דעם, און איך בין מזהיר אַז מען זאָל מפרסם זיין למע״ה, אַז מען טאָר ניט געהן אין טבילה ביי טאָג, אפילו אַז עס איז שוין דער אַכטער טאָג פון דעם טאָג וואָס זי האָט געלייגט אַ צייכען, מוז זי גהען אין אָוונט. די טבילה מוז זיין ניט פריהער ווי עס באַווייזען זיך 3 מיטעלע שטערען, נאָר אויב עס איז דאָ אַ סכנה וואָס זי מוז געהן ביי טאָג און עס איז דער אַכטער טאָג פון לייגען דעם צייכען, מוז זי פרעגען אַ שאלה, צו זי קען געהן בייטאָג. די דינים וואָס איך האָב דאָ געשריבען מוזען זיין אין יעדער מקוה, און יעדער פרוי מוז דאָס האָבען ביי זיך אין דער היים און זי מוז דאָס אוים׳חזי׳ן אויסוועניג, און עס איז אַ מצוה צו לייענען צווישען פרויען און זיך ניט שעמען, און דאָך ווען זי דאַרף וואָס וויסען, זאָל זי זיך ניט שעמען און פרעגען ביי אַ רב אַ שאלה, ווען זי וועט דאָס אַלעם אָפּהיטען, וועט זי זוכה זיין צו גוטע קינדער און צו שלום בית, מיט פיל גוטעס, אָמן.

הרב ר׳ אלי׳ מרדכי מזאה שליט״א

הפרשת חלה

אויף 3 מצוות זיינען פרויען פאַרזאָגט געוואָרען, ד"ה, זיי זיינען פאַראַנטוואָרטליך פאַר די מצוות, ווייל עס ליגט באַ זיי אין האַנט דאָס צו טאָהן, און די וועלט רופט דאָס די 3 ווייבערשע מצוות, און זיי קריגען פיל שכר אויב זיי היטען דאָס ריכטיג אָפּ, און זיי ווערען, חו"ח, געשטראָפט פאַר'ן ניט אָפּהיטען דאָס, און דאָס זיינען די מצוות וועגען וועלכע מיר ריידען: „נדה", „חלה", „הדלקת-הנר." וועגען נדה האָבען מיר פיל גערעדט אין אַלע אונזערע ספרים; די צווייטע מצוה איז חלה, ד"ה אַז ווען מען מאַכט אַ טייג פון 3 פונט, מוז מען אַראָפּנעהמען אַ שטיקעל טייג און פאַרברענען דאָס. דער טעם דערפון קען מען זאָגען ווי די הייליגע גמרא זאָגט, אַז אָדם הראשון איז געווען די חלה פון דער ערד, ווייל ווען ג' האָט באַשאַפען דעם מענשען, האָט ער גענומען אַ שטיקעל ערד פון דער גאַנצער ערד און פון דעם האָט ער באַשאַפען דעם מענשען, איז דער מענש די חלה פון דער ערד. די פרוי האָט געבראַכט טויט אויף דעם ערשטען מענשען, געבענדיג איהם פון דעם עץ הדעת, דאַרף זי דאָס מתקן זיין דורך נעהמענדיג חלה פון די טייג וואָס זי געהט מאַכען צו שפּייזען דעם ערדענעם קערפּער מיט ערדענע שפּייז דאַרף זי נעהמען ערדענע חלה, און אַמאָהל פלעגט מען דאָס געבען אַ כהן אַ למדן, מיט דעם כח התורה וואָס ער באַזיצט, ווערט די חלה וואָס זי שיידט אָפּ, הייליג, ווייל דער למדן דאַרף ער מאַכען זיין עסען הייליג און עס איז טאַקע אַ גרויסער זכות מהנה זיין אַ למדן היינטיגע צייטען, ווייל די כהנים זיינען ניט נזהר

בטהרה, טאָרען זיי די חלה ניט עסען, איז היינטיגע צייטען פאַרברענט מען דאָס, אָבער אָפּשיידען חלה מוז מען, און אַז מען האָט ניט אָפּגעשיידט קיין חלה, טאָר מען יענע טייג ניט עסען, און אַז מען געהט עסען ברויט אָדער חלה געקויפט פון אַ בעקער אָדער פון אַ גראָסערי, מוז מען וויסען צו מען האָט אָפּגעשיידט חלה צו ניט. דאָ געהט מען קויפען וואו עס איז בעסערע געבעק, אָבער מען קלערט ניט צו דער בעקער האָט אָפּגעשיידט חלה צו ניט, דאַרף מען קויפען געבעק אָדער ברויט אין אַן אָרט וואו מען שיידט אָפּ חלה. אויב מען ווייס ניט צו מען האָט אָפּגעשיידט חלה אָדער ניט, זאָל מען איינדעקען דעם ברויט מיט די געבעק און מען זאָל אָפּברעכען אַ שטיקעל און מען זאָל זאָגען אַז דאָס איז פאַר דער מצוה פון חלה, איז מען יוצא מיט דעם די מצוה פון חלה, אָבער דאָס הייסט גענומען חלה אָהן אַ ברכה. די גלייכסטע זאַך איז אַז ווען מען געהט אַריין אין בעקעריי קויפען, זאָל זי זיך ניט שעהמען און פרעגען צו מען האָט אָפּגעשיידט חלה, אַ גרויסע מצוה מיט פיל שכר איז דאָ פאַר די ווייבער געהן צום בעקער און נעהמען חלה פון יעדע טייג וואָס זיי מאַכען און אַ גרויסע מצוה מפרסם צו זיין אַז מען טאָר ניט עסען פון אַ טייג וואָס מען האָט ניט אָפּגעשיידט קיין חלה. פרויען, דאָס איז אייער מצוה, איהר זייט פאַר־אַנטוואָרטליך פאַר איהר, ווייל איהר גרייט צום טיש, איהר גיט עסען, דאַרפט איהר געבען אַזעלכע ברויט און געבעק וואָס מען האָט אָפּגעשיידט חלה פון זיי.

הדלקת הנר

נאָך אַ מצוה זיינען פרויען פאַרזאָגט געוואָרען, ד״ה הדלקת-הנר, ליכט צינדען ווען דער שבת קומט אָן. זאָגט די הייליגע גמרא : די פרוי געבענדיג אָדם הראשון פון עץ-הדעת, האָט זי מיטגעבראַכט דאָס די ליכט פון דער וועלט ווערט אויסגעלאָשען, ד״ה די נשמה פון דעם מענשען, דאַרף זי אָנצינדען צוריק די ליכט פון דער וועלט, און די ליכט פון דער וועלט איז די שבת ליכט. די שבת ליכט ברייגגען גליק און שלום אין דער פאַמיליע ; די שבת ליכט מאַכען ליכטיג די קינדערשע אויגעלאך אין אונזער הייליגער תורה ; די שבת ליכט באַווייזען אַז דער שבת איז געקומען וואָס אין דעם שבת איז די מזל-ברכה פון אַ גאַנץ וואָך, אָבער ליכט בענשען מיינט אויך אַז מען נעהמט אָן דעם שבת, כאָטש דער שבת קומט סיי ווי סיי, אָבער מיט אָנצינדען די שבת ליכט באַוויזט מען אַז דער שבת איז באַ מיר אַ גוטער גאַסט, איך בין צופרידען איהם אויפצונעהמען, ברייננט ער דאַן מזל-ברכה, ווי אַ גאַסט וואָס מען נעהמט אויף פיין. 2 מלאכים באַזוכען יעדע אידישע הויז יעדען פרייטאג צו נאַכט — אַ גוטער מלאך און אַ שלעכטער מלאך. אויב זיי קומען צו געהן און זיי דערוויסען אין שטוב איז שבת, די ליכט זיינען געצונדען, דער טיש איז געגרייט לכבוד שבת, דאַן בענשט דער גוטער מלאך און דער שלעכטער ענטפערט איבער גוואַלד אָמן, אָבער אויב חו״ח פאַרקערט, אַז מען האָט חו״ח קיין ליכט געצונדען, דאַן חו״ח שילט דער שלעכטער מלאך און דער גוטער מלאך מוז חו״ח ענטפערען אָמן, מוז מען זעהן בענשען ליכט, און אַפילו חו״ח אַז דער מאַן היט ניט קיין שבת, אָבער די פרוי מוז בענשען ליכט און גרייטען צום טיש לכבוד שבת, אַז ער איז חו״ח מחלל שבת, טאָר זי זיך

ניט ערלויבען מחלל שבת זיין. גליקליך וועט זיין די פרוי אַז זי וועט בענשען ליכט און אַז זי וועט אָפּהיטען דעם שבת, און אויב זי איז אַ גוטער פריינד צום מאַן, דאַרף זי איהם זאָגען — מיין טייערער, איך וועל זיך באַנוגענען מיט וויפיל דו וועסט מאַכען, נאַר טהו מיר און זיך די טובה, לאָמיר אָנהאַלטען דעם שבת און דעם יום טוב ! — און אַז זי וועט מאַכען אַז ער וועט היטען שבת, וועט זי זוכה זיין צו פיל גליק.

עס גיבען פיל נאַרישע פרויען, צוליב אַ מציאה פון פינף סענט, אָדער איהר דוכט זיך אַז זי וועט קויפען עפּעס ביליגער, געהען זיי איינקויפען שבת, און זיי פאַרקויפען די נשמה, זי איז מחלל שבת און דערביי צענדליגע עברות און דערפאַר קומען שלעכטע צייטען חו"ח און מען פאַר־לירט די געלט און מען האָט ניט נאכהער מיט וואָס צו געהן קויפען אום שבת. היט דעם שבת, געהט ניט קויפען אום שבת, וועט איהר האָבען מזל־ברכה אַ גאַנצע וואָך, אין אַלעם וואָס איהר וועט טאָהן. היט די מצוה פון ליכט צינדען אין צייט און זייט ניט מחלל שבת נאָך ליכט צינדען וועט איהר האָבען שלום ושלוה אין אייער הויז. דער ג' פון אונזערע עלטערען זאָל אונז העלפען מיר זאָלען זוכה זיין צו דער ליכט פון אונזער הייליגע תורה און ער זאָל אונז אַלעמען געבען געזונד מיט לעבען מיט לאַנגע יאָהרען און אַ ישועה פאַר כלל ישראל כברכת

הרב ר אלי' מרדכי הכהן מזאה

איך בעט אַלעמען אַז מען זאָל מפרסם זיין, קויפען און העלפען פאַרקויפען די פאָלגענדע ספרים, וועלכע יעדער איד מוז זיי האָבען אין זיין הויז. איך פאַרקויף זיי ביליג, דאָס יעדער זאָל זיי קענען קויפען. זיי זיינען אַ מזל ברכה פאַר יעדע אידישע הויז וואָס וועט זיי קויפען. אויך שוהלען מוזען זיי קויפען איון לערנען ברבים, ומלאה הארץ דעה את ה׳, וועט זיין אַלעמען גוט בזה ובבא.

ספר „הצלת-נפשות,“ אַ וויכטיגער ספר צו וויסען וואָס עס ליגט אויף אַ אידען צו טאָהן אַלס איד.

ספר „שפתי-ראם,“ ספר יקר וחשוב ללומדי תורה שת״ל מצא חן בעיני מבקשי דבר ד׳.

ספר „שמירת-הנפשות,“ דער ספר לערענט אונז ווי צו דינען ג׳ און ווי צו טאָהן זיין רצון.

ספר „פתרון-חלומות,“ אַ ספר וואָס לערענט אונז ווי צו האָבען גוטע חלומות.

ספר „ברכת הנפשות,“ אַרויסגענומען פון שולחן ערוך און אַנדערע ספרים.

ספר „די שוהל און דער פרעזידענט,“ צו וויסען ווי אַ שוהל דאַרף זיך פיהרען על פי דין תורה.



קויפט רבי מזאה'ס ספרים און לערענט זיי, און גיט נדבות אויף צו דרוקען די ספרים, וועט אייער שכר זיין זעהר גרויס. לעזט די ספרים איינע פאַר די אַנדערע, וועט איהר פיל וויסען תורה און איהר וועט זיין גליקליך

כברכת הרב ר' אלי' מרדכי הכהן מזאה

הרב ר' אלי' מרדכי הכהן מזאה

30 ראָטגערס סטריט

נ י ו י אָ ר ק

Rabbi E. MAZA

30 Rutgers Street **New York City**